


# פארבינדענדיק צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת בשלח, י"ד שבט תשס"ז
גליון 3, מספר 12




# פרשת בשלח

## זה א–לי ואנוהו

היינטיקע סדרה (בשלח) ווערט אנגערופען אויפן נאמען פון דער שירה - "פרשת שירה". די שירה הויבט זיך אן דערמיט אז משה און די בני ישראל האבן געזונגען די דאזיקע שירה און האבן אזוי געזאגט: זה א–לי ואנוהו - דאס איז מיין ג–ט און איך וועל זיך באשיינען מיט אים (דערביי אנווייזנדיק מיט די פינגער).

שטייט אויף דעם אין גמרא און מדרש, אז די קינדער זיינען געווען די ערשטע וואס האבן דערקענט דעם אויבערשטן, פריער פון די אלע אידן וואס זיינען געווען מיט זיי.

דער לימוד און הוראה פון דעם פאר אלע דורות - אויך פאר אונזער דור: דורך דעם וואס קינדער גייען נאך משה'ס אנווייזונגען - מען פאלגט די עלטערן און די מלמדים, און מ'טוט אלץ וואס מען לערנט אין די ישיבות און חדרים - וועלן זיי האבן ליכטיקע אויגן צו זען ג–טלעכקייט, דערקענען דעם אויבערשטן אין אלץ וואס עס טוט זיך מיט זיי און מיט זייערע עלטערן, און אין אלץ וואס עס פירט זיך ארום זיי.

דורך דעם לערנען און היטן די סדרים פון ישיבה מיט א פריילעכקייט און התמדה און שקידה, דורך מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס מצוות, אין אן אופן ווי דער אויבערשטער וויל מען זאל זיי מקיים זיין, וועט זיי גוט זיין לערנענדיק אין ישיבה און אויך שפעטער במשך די גאנצע לעבן: מ'האט א גליקלעכן לעבן, און מ'וועט פארשאפן די עלטערן נחת. מ'וועט אויסוואקסן גוטע מענטשן, גוטע אידן, יראי שמים און לומדים.

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער משיחת י"א שבט תשכ"ב)*



טייערע קינדער שלוחים,

דער עיקר פון א חסידי'שער יום טוב, איז דאס וואס מען נעמט דערפון אויף די וויטערדיקע טעג פון יאר. איך בין זיכער אז איר האט גוט אויסגענוצט דעם הייליקן טאג פון י' שבט צו פארברענגען און אנגענומען גוטע החלטות אין לערנען, דאווענען, און אהבת ישראל.

ב"ה די שלוחים קינדער'ס ראלי איז נאכאמאל געווען מיט אויסערגעוויינליכע הצלחה: א דאנק צו די אלע וואס האבן שטארק געארבעט אויף דעם! איר האט אזוי שיין געזאגט די פסוקים, געזונגען ניגונים, און געמאכט לחיים.

קינדער, מיר מוזן וויסן ווי גליקלאך מיר זיינען צו האבן אזא רבי וואס האט אונז אזוי שטארק ליב, און גיסט אויף אונז אזוי פיל ברכות. און מיר מוזן אויספירן דעם רבי'נס רצון און געבן דעם רבי'ן אסאך נחת, ביז מיר וועלן זען אונזער רבי'ן מיט די גאולה האמיתית והשלימה!!

-א. וועכטער

# דער חסידיש'ער לוח

## י"ג שבט



## יארצייט פון רביצין שטערנא שרה

רביצין שטערנא שרה איז געבארן געווארן ט"ו טבת תרי"ט אין ליובאוויטש, צו אדמו"ר יוסף יצחק (די זון פון דער צמח צדק) און איר מאמע חנה.

רביצין שטערנא שרה איז געוועז זייער א קלוגע פרוי, און האט אסאך געהאלפן איר מאן, דעם רבי'ן רש"ב, אין זיינע הייליקע ארבעט און ספעציעל אין זיין ישיבה "תומכי תמימים".

ווען דער רבי רש"ב האט געדארפט אוועקגיין אויף א צייט, האט רביצין שטערנא שרה געהאלפן מיט זיינע הייליקע פאפירן.

ווען מען איז געקומען אוועקצונעמן דעם פריערדיק'ן רבי'ן - איר איינציגע קינד– צו טורמע, האט זי שטארק געוויינט און געבעטן מען זאל איר נעמן אנשטאטס אים, און לאזן דעם פריערדיק'ן רבי'ן ווייטער אנצוגיין מיט זיין הייליקע ארבעט. ווען מען האט אים אבער נאך אלץ גענומען איז זי געגאנגען צום ארון קודש און האט געוויינט און געדאווענט אז ער זאל שוין צוריקומען.

ט' אדר ב', ת"ש איז רביצין שטערנא שרה געקומען מיט דער פריערדיקע רבי צו אמעריקא. זי איז ניט געווען אזוי געזונט די לעצטע יארן פון איר לעבן, אבער זי האט ניט פארשוואכט אירע עבודה. אפילו אין די לעצטע דריי חדשים ווען זי איז געלעגן אין בעט, האט זי נאך אלס געדאווענט דריי מאל א טאג פאמעלאך, געזאגט תהילים פאר און נאכן דעווענען, און געלערנט מדרשים, אגדה און חסידות.

שבת קדש פרשת בשלח, י"ג שבט תש"ב, האט רביצין שטערנא שרה געזאגט, "היינט איז שבת שירה, בעדארף מען אנדערש דאווענען". אין מיטן דאוונען ווען זי איז אנגעקומען צו "נשמת כל חי" האט זי צוריקגעגעבן איר הייליקע, ריינע נשמה צום אויבערשטן. זי איז באגראבן געווארן אין דער בית החיים פון אגודת חסידי חב"ד אין קווינס, לעבן דעם אהל.

*קינדער, מיר דארפן לערנען פון רביצין שטערנא שרה אז אפילו ווען עס איז ניט אזוי גרינג, זאל מען ווייטער טאן אונזער עבודה פון דאווענען און לערנען. לאמיר בעטן שוין אויף משיח און "והקיצו ורננו שכני עפר..והיא בתוכם"*

## טו בשבט



דער שבת איז טו בשבט, די ראש השנה פארביימער. וואס איז די פארבונד צווישן אונז און ביימער? עס שטייט אין תורה: כי האדם עץ השדה, א מענטש איז געגליכן צו א בוים, ווי אזוי?

א בוים האט דריי חלקים, די ווארצלן, די בוים אליין, און די פירות: יעדער פון די דריי זאכן האט אן אויפטו, און מיר קענען לערנען פון זיי ווי אזוי מען זאל זיך פירן.

א – די **ווארצלן** פון א בוים וואקסן אונטער די ערד. קיינער זעט זיי ניט, אבער אן זיי קען א בוים ניט בלייבן שטיין. די זעלבע זאך איז מיט א איד: אונזערע אמונה און בטחון זיינען אונזערע ווארצלן. נאר מיט שטארקע אמונה בלייבן מיר שטארק אין די וועגן פון אויבערשטן.

ב – די בוים שטייט גלייך און שטאלץ. מיר מוזן לערנען פון דעם צו זיין שטאלץ אז מיר זיינען אידן, און חסידים. אלע וואס וועלן דאס זען וועלן זען ווי שיין איז די וועג פון אידישקייט און חסידות.

ג – פונקט ווי דער תכלית פון א בוים איז ארויסצוגעבן **פירות**, אזוי אויך דארף א איד ארויסגעבן פירות, וואס דאס זיינען מצוות און מעשים טובים.

מיר זען, אז אין די פירות וואס וואקסן אויף א בוים זיינען פאראן קערנדלאך, וואס פון זיי וואקסן דערנאך ארויס נאך בוימער, וואס גיבן ווייטער ארויס פירות וועלכע האבן קערנדלעך, און אזוי ווייטער אויף אייביק.

און אזוי דארף אויך זיין מיט די פירות - מצות און מעשים טובים - פון א אידן, אז ס'איז ניט גענוג וואס ער טוט מצוות און מעשים טובים פאר זיך, נאר די "פירות" דארפן האבן קערנדלעך וואס מאכן וואקסן נאך בוימער, דאס מיינט, אז זיינע מעשים טובים דארפן איינווירקן אנדערע אידן, אז אויך זיי זאלן ארויסגעבן פירות, ווערן לומדי תורה ושומרי מצוות.




אין דער וואך'ס פרשה שטייט וועגן די שירת הים. נאך קריעת ים סוף, האבן די מענער געזונגען שירה צום אויבערשטן. די פרויען האבן אויך געזונגען, אבער זיי האבן צוגעלייגט נאך עפעס: זיי האבן אויך געשפילט אויף זייערע תופים. פרעגט זיך דער שאלה: וואו האבן די פרויען געפונען תופים אין מדבר?

זאגט אויף דעם רש"י הקדוש, אז נאך זייענדיק אין מצריים זיינען די פרויען געווען אזוי זיכער אז דער אויבערשטער וועט זיי העלפן, אז זיי האבן ארויסגעבראכט תופים פון מצרים! יעצט פארשטייען מיר פארוואס עס שטייט אז עס איז געווען אין די זכות פון די פרויען אז די גאולה איז געקומען!

קינדער, דאס איז א הוראה פאר אונז: מיר דארפן זיך שוין יעצט אנגרייטן צו די גאולה האמיתית והשלימה מיט א גרויסע שמחה אויף די אלע נסים וואס אונזער רבי האט אונז צוגעזאגט!




*די מעשה הויבט זיך אן מיט א פארברענגען פון חסידים פון פריערדיקן רבי'ן אין פראנקרייך ניט לאנג פאר די צווייטע וועלט מלחמה. אונזער רבי איז דארט געווען צוזאמען מיט אנדערע חסידים.*

איינע פון די חסידים האט דערציילט א נס וואס איז געשען צו אים. נאך דעם ווי דער פריערדיקער רבי איז געפארן צו פוילין, זיינען פיל חסידים געקומען מיט אים. דער פריערדיקער רבי האט געהייסן פיל חסידים אוועקפארן פון פוילין און גיין צו אנדערע ערטער, און האט זיי געבענטשט אז אלס וועט זיין בסדר. דער חסיד וואס האט דערציילט די מעשה איז אויך געווען איינע פון זיי וואס איז אוועקגעשיקט געווארן צו אן אנדערע לאנד.

אין יענע צייטן איז געווען א גרויסע געפאר צו פארן פון איין מדינה אין א צווייטן. די חסידים האבן ניט געהאט די אלע ריכטיקע פאפירן, און זיי האבן זייער מורא געהאט פון די גויים. אויף די באן האבן געוויסע חסידים זיך באהאלטן און אזוי זיינען זיי אריבערגעפארן פיל גרעניצן. אבער ווען זיי זיינען דורכגעפארן די גרעניץ פון גערמאניע, האבן זיי אלע געדארפט אויפשטיין און באווייזן זייערע פאפירן. זיי זיינען געווען פול מיט פחד, אבער זיי האבן אנגעהאלטן אין זייער הערצער די ווערטער פון פריערדיקן רבי'ן. ווען דער ערשטער חסיד איז געקומען צום פענסטער, האט דער אפיצער גענומען זיינע פאפירן און האט גלייך גע'חתמ'ט אויף דעם – אן קוקן! דערנאך זיינען זיי אוועקגעגאנגען פון אים און קיינער האט זיי נאכאמאל געבעטן זען זייערע פאפירן. עס איז געווען א קלארע נס! גלייך האבן זיי געשיקט א טעלעגראמע צום רבי'ן אז אלס איז אריבערגעגאנגען בשלום.

דער רבי האט זיך צוגעהערט צו די מעשה. ווען דער חסיד האט געענדיקט דערציילן, האט אים דער רבי געפרעגט פונקט די טאג און צייט ווען דאס איז געשען. דער חסיד האט אים געענטפערט, און דער רבי האט געזאגט, "יעצט פארשטיי איך וואס איז געשען צוויי יאר צוריק!"

"דער (פריערדיקער) רבי פלעגט יעדן טאג באקומען מעדעצין. איין טאג איז די פרוי אריינגעקומען צו געבן אים זיין מעדעצין, און זי האט געזען עפעס וואס האט איר זייער דערשראקן. דער רבי איז געזעצן אויף א בענקל, און האט זיך ניט א ריר געטאן. זי האט געשריען, און איך בין גלייך אריינגעקומען אין צימער צו זען וואס איז געשען.

ווען איך בין אריינגעקומען אין צימער, האב איך זיך אויך דערשראקן, ביז איך האב באמערקט אז דער רבי רעדט ווי צו זיך. איך האב זיך געבויגן צו הערן וואס ער זאגט, און איך האב געהערט ווי דער רבי זאגט די ווערטער פון "אז ישיר משה".

נאך צען מינוט איז דער רבי צוריקגעקומען צו זיך. איך האב אים קיינמאל ניט געפרעגט אויף דעם, אבער יעצט פארשטיי איך דאס. דאס איז געווען פונקט אין די צייט ווען די נס איז געשען. דער רבי האט אייך דורכגעפירט די גערמאנישע גרעניץ ווי משה רבינו האט געפירט די אידן דורך דעם ים סוף מיט די ווערטער פון "אז ישיר"!




## שבת שירה

יעדן שבת אין שול קענט איר זען ווי מען נעמט ארויס די תורה. אויב איר זייט זייער גליקלאך, קענט איר אפילו קושן די ספר תורה. די שבת ליינען מיר וועגן די שירה וואס די אידן האבן געזונגען צום איבערשטן נאכדעם וואס ער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים.

נאכדעם וואס פרעה האט ארויסגעלאזן די אידן פון מצרים, האט פרעה חרטה געהאט אויף דעם. פרעה האט גענומען זיינע מענטשן,און זיי זיינען נאכגעלאפן די אידן. ווען די אידן זיינען אנגעקומען צום ים סוף האבן זיי ניט געהאט וואו צו גיין: די וואסער איז געווען פאר זיי, און פרעה מיט זיינע מענטשן זיינען געווען נאך זיי.

דער אויבערשטער האט פאר זיי געמאכט א נס: די וואסער האט זיך צושפאלטן און איז געווארן טרוקענע ערד אויף וואס צו גיין. גלייך ווי די אידן זיינען אריבערגעגאנגען, איז די וואסער צוריקגעגאנגען צו זיין שטארקייט און די מצריים זיינען דערטרונקען געווארן!

ווען די אידן זיינען געקומען צום צווייטן זייט, האבן זיי געזונגען א געזאנג צום אויבערשטן אויף דעם. די געזאנג איז געשריבן געווארן אין פרשת בשלח פון ספר שמות. די שבת ווען מען ליינט דאס פאלט אויס איז חודש שבט און מען רופט אן דעם שבת - שבת שירה. מען ליינט די שירה אין שול, און אלע שטעלן זיך אויף צו הערן דעם ספעציעלן געזאנג.

ווען איר הערט די שירה אין שול, האט אין זינען אז דער אויבערשטער זאל אונז שוין שיקן די גאולה, אז מיר זאלן קענען זינגן די שירה דלעתיד!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת בשלח

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

נוץ די סימנים צו פארשרייבן די פסוקים וואס זיינען פארבונדן מיט טו בשבט

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | ב | ג | ד | ה | ו | ז | ח | ט | י | כ/ך |



| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | מ/ם | נ/ן | ס | ע | פ/ף | צ/ץ | ק | ר | ש | ת |



__ __    __ __ __ __    __ __    __ __ __ __



__ __ __    __ __ __    __ __ __    __ __ __ __



## הצלחה רבה

Name:    Age:

נאמען:______________________    ווי אלט:______

אדרעס:______________________

______________________

אימייל:______________________